**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/23/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האוקל טוט מעלדן די גראנדויזער עפענונג פון לעיק פלעסיד'ס ערשטע נייע האטעל אין מער פון א יאר צענדליג: די קאמבריע האטעל**

***נייע 185-צימער האטעל גייט ארייננרעכנען פולע-סערוויס רעסטוראנט, פלעקסישע געשעניש פלאץ, און וואסערפראנט צאמקום פלאץ - באשאפענדיג כאטש 50 נייע ארבעטס געלעגנהייטן***

***פראיעקט בויט אויפן גאווערנער'ס פארשפרעכונג צו שטיצן ניו יארק'ס טוריזעם אינדוסטריע נאכפאלגענדיג רעקארד באזוכען און שפענדעריי אין 2022***

***זעהט בילדער[דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן די גראנדויזער עפענונג פון די $35 מיליאן קאמבריע האטעל אין לעיק פלעסיד - די ערשטע נייע האטעל צו עפענען אין לעיק פלעסיד זייט 2013. די מאדערנע, 105,645 קוואדראט פוס האטעל פארמאגט 185 געסט צימערן, א רעסטוראנט, זאל פאר געשענישן, און א וואסערפראנט צאמקום פלאץ, און וועט איינשטעלן מער פון 50 פולשטענדיגער ארבעטער. די גראנדויזער עפענונג פונעם קאמבריע האטעל בויעט זיך אויף גאווערנער האוקול'ס פארשפרעכונג צו שטיצן און פארגרעסערן ניו יארק'ס וויבראנטע טוריזעם אינדוסטריע, וואס האט געטריבן א היסטארישע $123 ביליאן אין עקאנאמישע אימפאקט דורכאויס די סטעיט אין 2022.

"פאר די ערשטע מאל אין מער ווי א יאר-צענדליג, לעיק פלעסיד גייט עפענען די טירן צו א שפאגל נייע האטעל וואס גייט באגריסן באזוכער פון ארום די וועלט צו הנאה האבן פון אירע אטעם-פארכאפענדע פאנאראמע, וועלט-קלאס ספארטלער געשענישן און אלעס וואס די צפון קאנטרי האט פארצושטעלן," **האט גאווערנער האוקל געזאגט.** "טוריזעם איז די טרייב קראפט וואס פירט אונזער סטעיט, און א דאנק א סטעיט אינוועסטירונג און אונזער שותפות מיט די ראיאנישע עקאנאמישע דיוועלאפמענט קאונסעל, די קאמבריע האטעל וועט העלפן מאכן ארבעטס געלעגנהייטן, ציען אומצאליגע באזוכער קיין ניו יארק און בויען א שטארקע בליענדע עקאנאמיע אין לעיק פלעסיד."

די צפון קאנטרי ראיאנישע עקאנאמישע דיוועלעפמענט קאונסעל האט ספעציפיש געצילט געסטעריי דיוועלאפמענט און אינוועסטירונגען אין טוריזם אינפראסטוקטער אין די טאוזענד איילענדס און אדריאנדאק ראיאנען צו פארגרעסערן און שטיצן די בליענדע געסטעריי עקאנאמיע פונעם געגענט. די אדיראנדעקס זענען באקאנט פאר זייער נאטורליכע שיינקייט, ערשטראנקיגע אינדרויסנדיגע פארוויילונג, היסטאריע און פאמיליע-צוגעפאסטע אקטיוויטעטן. דורכן שטיצן פראיעקטן וואס טוהן אדרעסירן די געסטעריי קאפאציטעט, ניו יארק סטעיט'ס אינוועסטירונגען טוהן קאמפלעמענטירן ראיאנישע טוריזעם עפארטען. צו שטיצן דעם פראיעקט, די ראיאנישע עקאנאמישע דיוועלאפמענט קאונסעל האט רעקאמענדירט א $3 מיליאן ESD קעפיטעל גרענט אין אויסטויש פאר 51נייע דשאבס.

**הויפט דיוועלאפער און פירענדיגע מעמבער פון דיואל דיוועלאפמענט LLC בהאוויק דשאריוואלא האט געזאגט**, "איך וויל ארויס ברענגען אונזער הארציגע דאנקבארקייט צו גאווערנער האוקל און עמפייר סטעיט דיוועלאפמענט פארן באשאנקען אונזער קאמבריע האטעל לעיק פלעסיד פראיעקט מיט א ראיאנישע עקאנאמישע דיוועלאפמענט קאונסעל קעפיטעל גרענט. די שטיצע איז אינסטרומענטאל און ברענגען אונזער וויזיע צו ריאליטעט, און אונז זענען באמת דאנקבאר פאר ESD'ס פארפליכטונג צו טרייבן עקאנאמישע דיוועלאפמענט און וואוקס אין די צפון קאנטרי ראיאן. אונז קוקן ארויס צו מאכן א פאזיטיווער אימפאקט מיט דעם פראיעקט און צוגעבן צו די ווייטערדיגע סוקסעס פונעם ראיאן."

**עמפייר סטעיט דיוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמיסיאנער האופ נייט האט געזאגט,"** לעיק פלעסיד איז איינער פוחן אונזער שענסטע געגענטער אין ניו יארק סטעיט און פארלאזט זיך אויף אונזער טוריזעם עקאנאמיע צו קענען בליען. די נייע קאמבריע האטעל איז א באגריסענדע נייע הוספה צו די ראיאנישע עקאנאמיע און וועט ברענגען רייזענדע פון ארום ניו יארק סטעיט און די וועלט. טוריזעם איז א וויכטיגע עקאנאמישע טרייבער פאר ניו יארק סטעיט, און קאמבריע האטעל וועט שטיצן די קריטישע אינדוסטריע דורכן צולייגן ארבעט און ביזנעס און טרייבן עקסטאז איבער אלעס די צפון קאנטרי ראיאן האט פארצולייגען."

**עמפייר סטעיט דיוועלאפמענט וויצע פרעזידענט און עקזעקעטיווע דירעקטאר פון טוריזעם ראס ד. לוי האט געזאגט,** " די אדיראנדאקס זענען א קרוין בריליאנט פאר ניו יארק סטעיט טוריזעם, און האבענדיג אן ערשטע קלאס נייע פלאץ ווי די קאמבריע אויף איינצושטיין און ספיציעלע געשענישען גייט נאר העלפן גרעסער מאכן די אפיעל פונעם ראיאן. I LOVE NY קוקט ארויס צו פראמאטירן די שטח פאר באזוכער אלץ א טייל פון אן אנטלויף צו די לעיק פלעסיד געגענט יעדער צייט אין יאר, פון סקיען אויף ווייטפעיס, צו עקסטרעמע שליטלען און די מאונטעין קאוסטער אויף בארג וואן האווענבערג, ערלעבן די ווילדע שפאציר ביי די ווילדע צענטער, שיפלען אויף מירער לעיק, עקספלארירען די אלימפישע מוזעיום, און זיפ לייינינג ביי די אלימפישע סקי טאנצען קאמפלעקס. לעיק פלעסיד איז א פערפעקטע משל אויף ווי גרינג עס איז ליב צו האבן ניו יארק."

**צפון קאנטרי REDC קאו-טשעירס דשעימס מק'קעננא און דאקטאר קעיטהרין מאריס האבן געזאגט**, "אונז זענען גאר פריילעך צו באגריסן די נייע קאמבריע האטעל צו די צפון קאנטרי. אלץ קאו-טשעירס פון די צפון קאנטרי REDC זענען אונז שטאלץ צו שטיצן פרישע אינוועסטירונג וואס וועט מוטיגן ארבעט באשאפעריי און עקאנאמישע וואוקס אין אונזער קאמיוניטיס. אזוי ווי מיר גיין ווייטער מיטן גרעסער מאכן אונזער טוריזעם אינדוסטריע, פרויעקטן ווי די וועלן באגריסן באזוכער און צושטעלן געלעגענהייטן פאר די מענטשן וואס וואוינען און ארבעטן אינעם ראיאן."

**סטעיט סענאטאר דאן סטעק האט געזאגט,** "די גראנדויזער עפענונג פון די קאמבריע האטעל איז גרויסע נייעס פאר לעיק פלעסיד איינוואוינער און באזוכער. צו האבן א נייע, מאדערנע האטעל ווי דאס איז א גרויסע שטופ פאר אונזער בליענדע טוריזעם אינדוסטריע און באשאפט נאך ארבעט און געלעגענהייטן דא אין די צפון ראיאן."

**לעיק פלעסיד מעיאר ארט דעוולין און צפון עלבע טאון סופערווייזער דערעק דאטי האבן געזאגט,** "די דשאריוואלא פאמיליע האט געהאט כמעט 6 יאר-צענדליגס פון סערוויס צו די קאמיוניטי אין די געסטעריי ביזנעס, אין צוגאב צו זייער ארבעט מיט לאקאלא וואוילטעטיגע גרופעס. עס איז גאר גוט צו זעהן די איבערפרישונג פון די שטח וואס וועט פארזיכערן אז עס איז א וויטאלע טייל פון אונזער קאמיוניטי פאר לאנגע יארן. עס איז אויך שיין צו זעהן אז די נייע האטעל גייט ווייטער גיין אלץ א פאמיליע געפירטע ביזנעס. אונז קוקן ארויס צו ארבעטן מיט די דשאריוואלא פאמיליע און ווינטשען זיי די בעסטע מזל."

**<u>גאווערנער האוקעל'ס שטיצע פאר טוריזעם אינדוסטריע</u>**

גאווערנער האוקל האט אנגעהאלטן א שטארקע פארשפרעכונג צו שטיצן ניו יארק'ס טוריזעם אינדוסטריע - איינס פון די סטעיטס שליסל עקאנאמישע טרייבערס. די גאווערנער האט אנגעהויבן די "ברענג צוריק טוריזעם, ברענג צוריק ארבעט" רעקאווערי פעקל אנצוהייבן אן אומפרעצעדענטע $450 מיליאן אינוועסטירונג צו שטיצן רייזע אינדוסטריע ארבעטער, קליינע ביזנעס שטיצע פראגראמען און געדנאקען צו ברענגען נייע און אייגענארטיגע געשענישען צו ניו יארק סטעיט. אין 2022, האט די גאווערנער געמאלדן די ענדיגען פון א $104 מיליאן רענאוואציע פון די לעיק פלעסיד אלימפיק צענטער, און דערמיט גענדיגט א זעקס יעריגע, $550 מיליאן אינוועסטירונג אין ניו יארק'ס ווינטער ספארטלער אינפאסטרוקטער, פאראויס פון די FISU 2023 ווינטער וועלט יוניווערסיטעט שפילערייען. די גאווערנער האט אויך געמאלדן שטארקע I LOVE NY מארקעטירונג עפארטן צו מוטיגן רייזעס דורכאויס ניו יארק סטעיט, אריינגערעכנט סיפצעליזירטע קאמפיינען ווי די I LOVE NY שווארצע רייזע איניציאטיוו צו פארגערעסערן שווארצער באזוכער וויזיטאציע און נייע I LOVE NY שותפות צו שטיצן רייזעס דורך ארויסברענגען די סטעיטס רייכע היסטאריע און יחוס אין בעיסבאל און היפ האפ.

פאריאר, גאווערנער האוקל האט געמאלדן אז ניו יארק סטעיט האט באגריסט 291.5 באזוכער אין 2022, די גרעסטע ציפער באזוכער אין ניו יארק סטעיט'ס היסטאריע, טרייבענדיג מער ווי $78.6 ביליאן אין דירעקטע שפענדונגען און $123 ביליאן אין טאטאלע עקאנאמישע אימפאקט נאכפאלגענדיג די גאווערנער'ס היסטארישע אינוועסטירונגען אין טוריזעם עקאנאמישע דיוועלאפמענט, פאבליק זיכערהייט, טראנספארטאציע, און אנדערע וויכטיגע סעקטארן. אין צוגאב, ניו יארק סטעיט האט געשאנקען $15 מיליאן פון מארקעט ניו יארק גרענטס צו שטיצן טוריזעם מארקעטינג און קאפיטאל פראיעקטן, אזוי אויך מער ווי $14 מיליאן אין גרענטס פאר 30 לאקאלע און ראיאנישע דעסטינאציע מארקעטינג ארגענעזאציעס דורך די EDA טוריזם פארטנער סאב-עווארדס גרענט פראגראם.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418